THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY

וועטער:
אמפייסטן קלאר

The Only Jewish
Newspaper in
Western Canada
Established 1910.
Published
DAILY

דאס אידישע ווארט

THE ISRAELITE PRESS

זון אויפגאנג — 6.34.
זון אונטערגאנג — 5.58.

די איינציקע אידישע
ציטונג
אין מערב קאנאדע
עטאבלירט אין 1910
דערשיינט
יעדן טאג

Vol. 20, No. 194. Winnipeg, Oct. 6, 1930.

Published daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג

מאנטאג יד' תשרי, תרצ"א.

47 אומגעקומען אין לופט קאטאסטראפע

לארד טאמסאן, בריטישער לופט מיניסטער איינער פון די אומגעקומענע מיט "אר 101"

ריזיקער דיריזשאבל פארברענט אויף אש נאכדעם ווי ער האט זיך אפגעשלאגן אן א בערגל אין פראנקרייך, אויף זיין וועג קיין אינדיע

ווינניפעג, ווי ווארשיינלאך אנדערע שטעט איבער גאר דער וועלט, איז אויפגערודערט געווארן נעכטן (זונטאג) פארטאג פון דער טרויעריקער בשורה, פארשפרייט דורך ספעציעלע ציטונגס אויסגאבן, וועגן איינער פון די שרעקלאכסטע לופט קאטאסטראפעס אין דער געשיכטע, דעם אונטערגאנג פון דעם ריזיקער בריטישער לופט־שיף, דער "אר 101", אין וועלכען 47 פערזאן זיינען אומגעקומען, איינשליסנדיק דעם בריטישן לופט־מיניסטער, לארד טאמסאן.

די "אר 101" איז א שוועסטער־שיף פון דער "אר 100", וואס האט מיט א קורצער צייט צוריק דורכגעמאכט בשלום די רייזע פון ענגלאנד קיין קאנאדע און צוריק. דער אומגליק האט פאסירט אין פראנקרייך, ארום דעם דארף אלאז, אויפ'ן וועג פון דער לופט־שיף קיין אינדיע, — א רייזע וואס האט געזאלט געדויערן 6 מעת־לעת, מיט בלויז איין אפשטעל, ארום דעם סועץ קאנאל.

אין יענעם געגנט אין פראנקרייך האט זיך די לופט־שיף באגעגנט מיט שטורעמדיקן וועטער און מיט רעגן, וואס האט זי געהאלטן געפערלאך נאענט צום בארן. פלוצלונג איז קאליע געווארן א רודער פון דער לופט־שיף, איר נאז האט זיך אנגעבויגן און זי האט זיך מיט א שרעקלאכער קראפט אנגעשלאגן אן א בערגל. די גאז האבן גלייך עקספלאדירט, און אין איין מינוט איז די שיף געווען ארומגערינגלט מיט פלאמען.

בלויז ווי דורך א נס האבן זיך אכט פערזאן פון דער קאמאנדע גערעטעט, אבער זיי אלע זיינען צעברענט געווארן און אייניקע פון זיי געפינען זיך אין אן ערנסטער לאגע. די איבעריקע 47 מיטגלידער פון דער קאמאנדע און פאסאזשירן זיינען אומגעקומען אינ'ם פייער, און זייערע קערפערס זיינען פארוואנדלט געווארן אין קויל.

די טראגישע פאסירונג האט ארויסגערופן א געדריקטע שטימונג אין ענגלאנד און איבער גאר דער וועלט, און טעלעגראפישע מיטגעפיל אויסדרוקן קומען אן קיין ענגלאנד פון פארשיידענע לענדער.

די טראגעדיע האט פאסירט זונטאג, 2 פארטאג. די "אר 101" האט פארלאזט ענגלאנד (קארדינגטאן) קיין אינדיע שבת, 7.36 אוונט, און דער אנהויב פון דער רייזע איז געווען זייער געלונגען, אזוי אז קיינער האט ניט געצווייפלט אין דער זיכערקייט פון דער אונטערנעמונג.

די "אר 101" האט געקאסט צען מיליאן דאלאר, און איז געווען די גרעסטע און פולקאמסטע לופט־שיף וואס איז ווען געמאכט געווארן. זי איז געווען די שטאלץ פון דער בריטישער אינזשענערן קונסט.

דריי טויזנט דאל. געשאפן ביי פרץ־שול בודזשעט באנקעט

(::)

א סומע פון ארום דריי טויזנט דאלאר איז געשאפן געווארן לעצטן אוונט ביים באנקעט לכבוד דער עפענונג פונ'ם יערלאכן פרץ־שול בודזשעט. דערינען זיינען ניט איינגעשלאסן די סומען געזאמלט דורכ'ן טאג פון די זאמלער, און וועלכע זיינען ניט באריכטעט געווארן, און אויך אומבאשטימטע פארשפרעכונגען פון א צאל ארגאניזאציעס.

פון די דריי טויזנט דאלאר איז ארום $1,700 בייגעטראגן געווארן פון יחידים, און $1,300 פון ארגאניזאציעס, איינשליסנדיק $1,000 פונ'ם מוטער־פאראיין און $200 פון איד. נאצ. ארב. פארב. בר. 20

נאענט צו 200 פערזאן האבן בייגעוואוינט דעם באנקעט, און דער עולם האט גוט פארבראכט ביז שפעט אין דער נאכט. א היבשע צאל ארגאניזאציעס זיינען געווען פארטראטן, און זיי האבן באגריסט די טוער פון שול, צוזאגנדיק זייערע ביישטייערונגען און מיטהילף אינ'ם בודזשעט קאמפיין.

דער קאמפיין איז איצט אין פולן שוואונג, און צענדליקער זאמלער וועלן אין משך פון די קומענדיקע פאר וואכן באזוכן הונדערטער אידישע איינוואוינער פון וויניפעג, פארלאנגענדיק זייערע ביישטייער פאר'ן אויפהאלט פון דער שול.

(::)

אבא יאנאווסקי נעמט אן פריוואטע לעקציעס

אבא יאנאווסקי, געוועזענער לערער אין פארטעדזש לא פריירי, וועלכער איז באקאנט צו די לעזער פון ד. א. וו. מיט זיינע ארטיקלען וואס דערשיינען אין דער ציטונג פון צייט צו צייט, האט זיך באזעצט אין וויניפעג און נעמט דא איצט אן פריוואטע לעקציעס.

(::)

גוגנהיים לאזט איבער מיליאנען צו זיין פרוי

מינעאלא, נ. י. אקט. 5. — דער פארשטארבענער קופער מאגנאט, דעניעל גוגנהיים, האט איבערגעלאזן זיין פיל־מיליאניקע ירושה צו זיין פרוי, מרס. פלארענס גוגנהיים, מיט'ן אויסנאם פון אכט מיליאן איבערגעלאזן פאר די קינדער, משפחה און צדקה. דערפון האבן זיינע 3 קינדער, ה. פ. גוגנהיים, אמבאסאדאר אין קובא; גלעדיס א. שטראוס, און מ. ראבערט גוגנהיים, — געקראגן צו צוויי מיליאן יעדערער.

איז אייער נאמען אויפ'ן שטאטיקן וואל־ליסט ?

פאר דער באקוועמלאכקייט פון די בירגער, זיינען איצט די מוניציפאלע וואל ליסטן אויסגעשטעלט געווארן אין די ביבליאטעק אפטיילונגען (אויף דער נארט ענד — אין סט. דזשאנס לייברערי, סאלטער און מאקריי).

די בירגער זיינען געבעטן צוגיין און זען, אויב זייערע נעמען זיינען ניט דורכגעלאזן געווארן אין די ליסטן. אויב זיי פעלן, קאנען זיי מאכן א קלאגע און זייערע נעמען וועלן ארויפגעשטעלט ווערן.

די ליסטן וועלן זיין אפן פאר קארעקציעס בלויז אין משך פון דער דאזיקער וואך.

משקה געברויך אין אנטעריא געפאלן אויף 10 פראצענט דאס יאר

טאראנטא, אקט 5. — דער געברויך פון שטארקער משקה אין אנטעריא איז שטארק געפאלן אין משך פון די ערשטע צען חדשים פונ'ם לויפנדיקן פינאנציעלן יאר, און איז געווען אויף אן ערך 10 פראצענט קלענער ווי פאר דעם זעלבן פעריאד לעצטן יאר, — לויט א באריכט פון דער אנטאריא ליקאר קאנטראל באורד.

בלויז דער געברויך פון וויין איז פאר דער צייט געוואקסן. דער געברויך פון שטארקע משקאות איז געפאלן אויף 9.4 פראצענט, און פון ביר אויף 1.3 פראצענט.

פאר דעם יאר זיינען פון דער רעגירונגס משקה קראמען, לויט'ן באריכט, פארקויפט געווארן: 1,307,404 גאלאן שטארקע משקאות, 9,219,420 גאלאן ביר און 1,241,926 גאלאן וויין.

דער באריכט באטאנט דעם פאקט פון דעם פארקלענערטן משקה געברויך, וואס לייקנט אפ די פארשפרייטע באהויפטונגען, אז דער געברויך פון אלקאהאלישע געטראנקען איז דעם יאר געוואקסן אין דער פראווינץ.

אונטער סעקרעטאר דראמאנד שילס געווארן קראנק אנקומענדיק קיין ארץ־ישראל

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

ירושלים, אקט. 6. — אונטער סעקרעטאר פאר די קאלאניעס, דראמאנד שילס, איז פלוצלונג צוזאמענגעבראכן נעכטן, פונקט ווען ער האט געזאלט גיין באזוכן דעם כותל־מערבי. ער איז אוועקגעלייגט געווארן אין בעט מיט אן ערנסטער מאגן קראנקהייט און אין הויכער היץ.

שילס קראנקהייט וועט ווארשיינלאך באווירקן זיין געפלאנטע פראגראם, איינשליסנדיק זיין רייזע קיין עבר־הירדן וואס ער האט געזאלט היינט אונטערנעמען.

דער "הארץ" דריקט אויס די האפענונג, אז נאך שילס צוריקקער קיין ענגלאנד וועט די בריטישע רעגירונג אננעמען א פאליטיק ניט בלויז פון נעגאטיווע דעפיניציעס, און ניט בלויז פון פאזיטיווע דערקלערונגען וואס קאנען ניט איבערגעזעצט ווערן אין באלדיקע האנדלונגען.

די "יאמיא על אראביא" זאגט, אז ענגלאנד האט אויפגעגעבן איר פארזוך צו מאכן פאלעסטינע פאר א אידישן לאנד, און איצט פרובירט זי עס צו מאכן פאר א צוויי־נאציאנען שטאט. זי וועט אבער זייער שנעל איבערצייגן זיך, אז דאס לאנד קאן זיין בלויז אן אראביש פאטערלאנד, און בלויז די אידן און אנדערע פרעמד־געבארענע וואס קאנען זיך איינפאסן אין דער אראבישער אטמאספערע, קאנען דא טאלערירט ווערן, פונקט ווי דאס איז אין ענגלאנד, דייטשלאנד א א וו.

דער "פאלאשטין" האפט, אז שילס וועט אנערקענען אז דאס לאנד איז הייליק פאר מוסולמאנער, קריסטן און אידן, און אז פאר'ן מאנדאט האבן אידן געהאט בלויז דאס רעכט צו קלאגן ביים כותל מערבי.

ש. דובנאווס יובליי געפייערט אין בערלין

בערלין, אקט. 6 (איטא). — די פארמעלע פייערונג פון ש. דובנאווס 70טן געבורטסטאג איז דא געפייערט געווארן אין דער אנוועזנהייט פון הונדערטער געסט, איינשליסנדיק פארטרעטער פון וויסנשאפט און פון געזעלשאפטלאכע טעטיקייטן. די רעדנער האבן געלויבט די פערזענלאכקייט פונ'ם חשוב'ן יובילאר, ווי איינעם וואס האט אינספירירט דאס אידישע פאלקסטום.

(::)

נאך באאמטע דערוויילט פון בית־יתומים דירעקטאריום

מעקס פינקלשטיין, רעזיגנירטער פרעזידענט איז דערוויילט געווארן ערן־וויצע־פרעזידענט פון בית־יתומים.

ו. קאהען איז דערוויילט געווארן וויצע־פרעזידענט פון בית־יתומים.

(::)

לייוויק קומט אין וויניפעג נאוועמבער 1

אויף דער איינלאדונג פון דער אידישער־קולטור געזעלשאפט, וועט דער בארימטער אידישער דיכטער לייוויק קומען קיין וויניפעג נאוו. 1טן, און ער וועט דא האלטן א סעריע פון דריי לעקציעס. זיין ערשטע לעקציע וועט ער האלטן זונטאג, נאוו. 2טן.

ה' לייוויק וועט אויך קאנען באזוכן אייניקע פונקטן אין דער וועסט, און די שטעט וואס ווילן האבן ביי זיך דעם חשוב'ן גאסט, זיינען געבעטן צו שטעלן זיך גלייך אין פארבינדונג מיט'ן סעקרעטאר פונ'ם שטאט־קאמיטעט פון דער איד. קולטור געזעלשאפט, מ. קאנטאר.

דער בולגארישער קעניג האט מיט מזל געקראגן א כלה

דאנקען גאט, ס'איז אונז אראפ א שטיין פון הארצן! — דער בולגארישער קעניג באריס, דער שלים'מזל'דיקער בחור וואס פאר אים האט מען אין דער גאנצער וועלט קיין כלה ניט געקאנט געפינען, וועט ניט פארזעסן ווערן. מען האט פאר אים צום סוף געקראגן א שידוך, און טאקע גאר א יחוס'דיקן.

די טעג איז אין רוים אנאנסירט געווארן, אז פרינצעסן דזשיאוואנא, טאכטער פון קעניג וויקטאר־עמאנועל, זיינער מיט מזל פאר'קנס'ט געווארן.

דער שידוך, זאגט מען, איז שוין לאנג געפלאנט געווארן, אבער ס'איז געווען די מניעה פון דער רעליגיעזער פראגע: זי איז א קאטאליקן, און ער — א גריכיש - ארטאדאקסישער. עס ווערט אבער פארשטאנען, אז דער פאבסט האט ביים חתן גע'פועל'ט אז זיין צוקונפטדיקע פלונית'טע זאל פארבלייבן א קאטאליקן און אז אירע קינדער זאלן אויך דערצויגן ווערן אינ'ם קאטוילישן גלויבן.

כאטש דאס איז קעגן דער בולגארישער קאנסטיטוציע, איז אבער באריס איינגעגאנגען אויף דעם: אזוי האט זיך אים אפנים געוואלט דער שידוך!

היינטיקע צייטן זיינען אויך דא נאך וואונדער א שטעטל, אן ארבעטסלאזיקייט

ארענדזשוויל, אנט., אקט. 6. — די איינציקע שטעטל פון וועלכער די קאנאדער פעדעראלע רעגירונג האט נחת איז ארענדזשוויל, וועלכע לעבט אויף אייגענעם קעסט, און האט זיך ניט געווענדעט נאך שטיצע.

אין ארענדזשוויל, איז ניטא קיין סלעק, קיין ארבעטסלאזיקייט, דא הערשט פראספעריטעט, און יעדער איינער וועלכער וויל נאר ארבעטן, קריגט עס אין דער פולער מאס.

די לאקאלע "ניטינג פעקטארי" ארבעט איבער־שטונדן און וועט זיין גוט באשעפטיקט נאך פאר א לענגערער צייט.

די פארמערס אין דעם דיסטריקט האבן געהאט א גוטן "קראפ" און די געשעפטסלייט באריכטן, אז זיי טוען גוטע געשעפטן. די איינציקע וועלכע מאכן דורך שלעכטע צייטן, סלעק און ארבעטסלאזיקייט, זיינען דער "בייליף" און דער פאליציי מאגיסטראט, זיי גייען ארום אן א שטאף ארבעט. ווייטער זיינען אלע איינוואוינער פון דעם שטעטל זייער צופרידן. דער "טשאריטי אקאונט" פון דעם שטעטל איז דאס יאר א סך קלענער ווי אין די פריערדיקע יארן.

אזא שטעטל, ביי היינטיקע צייטן, איז ווערט מען זאל זי "פארספירטיווען" און ארייננשטעלן אין א מוזיי, כדי צו געבן די מענשן פון דער וועלט א געלעגנהייט צו זעען דעם וואונדער פון צוואנציקסטן יאר הונדערט. האפנטלאך, אז קיינער וועט ניט פארן אהין זוכן קיין "דזשאבס" — א שאד צו צעשטערן אזא אוצר.

וויכטיקע פארזאמלונג פון אינדארסירונג ביורא

די אינדארסירונג ביורא וועט האבן א וויכטיקע זיצונג דעם דאנערשטאג אוונט, אקט. 9טן. וויכטיקע פראגעס דארפן פארהאנדלט ווערן. אלע מיטגלידער זיינען אויפגעפאדערט צו קומען אומבאדינגט.

אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע אין עסטרייכער וואלן נעמט אן געפערלאכע פארמען

אויס־ראטונג פון אידן געדראעט פון היימווער פירער. — דייטשע פאשיסטן שלאגן אידן אין קעלן

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

ווין, אקט. 6 (איטא). — אגרעסיווער אנטיסעמיטיזם איז געווארן דער לאזונג אינ'ם וואל־קאמפיין פון שטראמבערג, פירער פונ'ם היימווער און מיניסטער אין דעם נייעם פאשיסטישן קאבינעט פון קאנצלער וואגאין.

אפילו "דער ווינער זשורנאל", וועלכער האט ביז איצט געשטיצט די היימווער רעגירונג קאאליציע מיט'ן תנאי אז זי זאל באהאנדלען ניט־סאציאליסטישע אידן גלייך מיט אלע אנדערע בירגער, איז איצט ארויסגעטראטן קעגן דעם היימווער, דערקלערנדיק, אז ס'איז אוממעגלאך פאר א מיניסטער צו רעגירן אויף א געהעריקן אופן, ווען ער איז פארנומען מיט ביזוויליקע אטאקעס און מיט דראען די אידן, וואס האבן געהאלפן אין א גרויסער מאס צו שאפן עסטרייכס קולטורעל און עקאנאמיש לעבן.

עס ווערט בכלל מיט מורא דערווארטעט זייער א פארביטערטן וואל קאמפיין, ענלאך צו לוגערס אמאליקע אנטיסעמיטישע וואל־קאמפיינס.

שטארעמבערג, אדרעסירנדיק א היימווער מארש אין ווינער העלדנפלאץ, האט געהעצעט דעם צענדליקער טויזנטער קעפיקן המון וואס האט זיך באטייליקט אין דעם מארש קעגן די "לאנג נאזיקע פרעסע שמירער" וואס פארפירן עסטרייכס נשמה. ער האט געזאגט, אז ער וועט טרעטן מיט די פיס דעם אזיאטישן קאפ פון ברייטנער, — מיינענדיק דעם הויפט באריכטער פון פינאנץ פון ווינער מוניציפאליטעט, — אטאקירנדיק אים ניט ווי א סאציאליסט, נאר ווי א אידן, כאטש ברייטנער האט זיך גע'שמד'ט נאך מיט צענדליקער יארן צוריק.

וואגאין און זייפעל, ווערט פארשטאנען, שטימען ניט איין מיט שטארמבערגס מעטאדן, אבער די קריסטלאך סאציאלע פארטיי איז איצט אין אזא לאגע און איז אזוי פארבונדן מיט'ן היימווער, אז ס'איז ווארשיינלאך, אז זי זאל זיך איצט נעמען פאר דער אלטער פאליטיק וואס איז אמאל אנגעצייכנט געווארן פון לוגערן.

לאנדאן, אקט. 6 (איטא). — אן אטאקע אויף אידן אין קעלן האט זיך צום ערשטן מאל נאך דעם פאשיסטישן זיג אין דייטשלאנד פארענדיקט מיט בלוט פארגיסונג, ווי דער היגער "עקספרעס" באריכטעט.

ווי די ציטונג באריכטעט האבן היטלעריסטן געמאכט אן איבערפאל אויף א קאבארע אין קעלן, פאראורזאכנדיק א פאניק און שיסנדיק פון רעוואלווערן. זיי האבן איבערגעשניטן די טעלעפאן דראטן, כדי מען זאל ניט קאנען ארויסרופן די פאליציי. צוויי אידן, עדלער און אורבאך, זיינען צע'ממית'ט געווארן ביז באוואוסטלאזיקייט.

טומל הויבט זיך אויף ביי "בשר כשר" מיטינג, ווען איינער טרעט אויף מיט א גוט ווארט וועגן "ועד העיר"

"דאס אידישע ווארט" האט לעצטנס באמערקט אין די ניט אידישע ציטונגען א פאר באריכטן וועגן דער בשר־כשר פראגע, אז זי רודערט לעצטנס אויף די אידישע גאס, און אזוי ווי בשר־כשר האט א גרעסערע שייכות מיט אידן איידער מיט גוים, האט זיך אונזער רעפארטער פאר אינטערעסירט אויסצוגעפינען דעם סוד, פארוואס אט די בשר־כשר אידן, באהאלטן זיך אויס פון דער אידישער עפנטלאכקייט פארוואס שעמען זיי זיך מיט זייערע פראטעסטן, און אז מען זוכט, געפינט מען: האט ער נעכטן באזוכט זייער פראטעסט פארזאמלונג אין תלמוד תורה זאל, געטראפן דארטן א היבשן עולם וועלכער האט זיך צוגעהערט צו די רעדנער.

די פארזאמלונג איז פארופן געווארן מיט'ן צוועק צו פראטעסטירן קעגן דעם עקזיסטירנדיקן ועד העיר און קעגן די קצבים, פאר די הויכע פרייזן אויף פלייש. זייער טענה איז געווען, אז לויט דעם פרייז אויף "קעטל" איז פלייש צו טייער, און זיי האבן אנגענומען א באשלוס צו צעברעכן דעם איצטיקן "טראסט פון די רבנים און די קצבים".

דער פארזיצער פונ'ם אוונט איז געווען מר. ראובן דיימאנד, צווישן די רעדנער זיינען געווען מר. לייזער רויטנבערג, מר. בראדסקי, מר. ראזין, מר. ראטשטיין און א צאל אנדערע.

ווען אונזער רעפארטער האט געפרעגט איינעם פון זייער קאמיטעט, ווער עס פירט אן מיט אט דער פראטעסט גרופע, האט יענער אים געהייסן פארלאזן דעם זאל, און ווייסנדיק אז אידן קאנען געבן פעטש, האט ער מער קיין קשיות ניט געפרעגט. דערפאר האט אבער א געוויסער יונגערמאן מיט'ן נאמען שטיינבערג שלעכט אפגעשניטן. ווען שטיינבערג האט אויסגעדריקט זיין מיינונג, אז אין דעם ענין בשר־כשר דארפן אויך רבנים זיין פארטראטן, האט מען אים דארטן שיר ניט געלינטשט און מען האט אים אנגעבראכן די ביינער. בלויז א דאנק אב. כהן, האט ער נאך "ליכט" אפגעשניטן . . . מיט איין ווארט, ע סאיז געווען א "ווארימע" פארזאמלונג.

אויף דעם פארשלאג פון מר. פיוואל לעבציער איז באשטימט געווארן א קאמיטעט פון צוואנציק אידן וועלכער זאל אויסארבעטן פלענער ווי אזוי ארונטערצורייסן דעם עקזיסטירנדיקן ועד העיר און צו גרינדן קאאפעראטיווע בוטשער שאפס, כדי ארונטערצורודערן דעם פרייז אויף פלייש.

צום שלוס האט מר. ב. סטאריקאוו געמאכט א פארשלאג, אז אויב "דאס אידישע ווארט" וועט ניט באריכטן פון זייער פארזאמלונג, זאל מען באיקאטירן "דאס אידישע ווארט". אגב וואלטן מיר מיט פארגעניגן פארעפנטלאכט וועגן די ערשטע פארזאמלונגען זייערע, האבן מיר לײדער ניט געוואוסט אז אזעלכע פארזאמלונגען ווערן אפגעהאלטן: קיינער האט ניט געהאלטן פאר נויטיק אונז צו אינפארמירן וועגן דעם . . .

מארים שווארץ וועט דעם סעזאן שפילן אין סעקאנד עווע. טעאטער

ניו־יארק, אקט. 6 (איטא). — מארים שווארץ, דירעקטאר פון פריערדיקן קונסט טעאטער, אין ניו־יארק, האט דא פאר א פארטרעטער פון דער "איטא" דערקלערט, אז ער האט באשלאסן צו שפילן היינטיקן סעזאן אין ניו־יארק און, אז ער האט אויפגעגעבן זיינע פריערדיקע פלענער צו שפילן היינטיקן סעזאן אין פילאדעלפיע.

מארים שווארץ האט געדונגען דעם סעקאנד עוועניו טעאטער, וואו עס האט זיך פריער געפונען דער מאלי פיקאן טעאטער און ער האט אויסגעדריקט זיין האפענונג און גלויבן, אז דער סעקאנד עוועניו טעאטער איז אמבעסטן צוגעפאסט פאר א אידישן קונסט טעאטער.

שווארץ האט דערקלערט אז זיין נייער טעאטער וועט דערעפנט ווערן אין פארלויף פון די קומענדיקע צוויי וואכן און, אז ער האט שוין אנגאזשירט זיין טרופע. די מייסטע פון זיינע אנגאזשירטע שוישפילער האבן שוין פריער געשפילט אין זיין קונסט טעאטער.

מארים שווארץ האט דעם פארגאנגענעם זומער גאסטראלירט אין ארגענטינע, וואו ער איז זייער גוט אויפגענומען געווארן.

אגב - אורחא

פון מארק

אידיש אין תלמוד־תורה

די היגע תלמוד־תורה האט שוין לאנג אנערקענט די נויטווענדיקייט צו לערנען אידיש. א באשלוס וועגן דעם איז אנגענומען געווארן נאך ביי דער מערב קאנאדער תלמוד תורה קאנפערענץ אין סאסקאטון (ראכט זיך, מיט א 7-8 יאר צוריק).

אין דער אמת'ן אבער איז דאס ניט געווען, ווי מיין איינדרוק איז, מער ווי א פרומער וואונש. א וויכטיקער קעגנשטאנד איז אידיש אין תלמוד תורה נאר געווען אין די "ארעסטאנטסקע ראטעס", — אין די ספעציעלע קלאסן פאר הינטערשטעליקע און האפנונגסלאזע תלמידים, אויף וועלכע מען האט א מאך געטאן מיט'ן האנט און באשלאסן, אז ס'וועט פון זיי שוין סיי־ווי קיין לייט ניט זיין. אין די אנדערע קלאסן איז דער דאזיקער לימוד זייער שטארק פארנאכלעסיקט געווארן.

איצט האט די תלמוד־תורה אנגענומען א באשלוס צו גלייכבארעכטיקן אידיש מיט העברייאיש אינ'ם אנשטאלט. די קריטישע לאגע פון דער ת"ת האט באוואוינגן די טוער צו באראטן זיך מיט די עלטערן וועגן דעם פראגראם פון די לימודים, און יענע האבן קאטיק געגעבן גאנץ קלאר צו פארשטיין, אז זיי ווילן אידיש אויף אן אמת, און ניט פון יוצא וועגן.

דער דאזיקער באשלוס צייגט יעדנפאלס אז די איצטיקע פירערשאפט פון דער ת"ת האט מוט, ווען זי האט געקאנט גיין קעגן טיף איינגעווארצלטע פאראורטיילן אין אירע קרייזן.

איך באגריס זי פאר איר מוט, און איך ווינש איר, אז איר געוואגטער פארנעם זאל ברענגען גוטע רעזולטאטן.

* * *

נאטירלאך, איז דער באשלוס אליין ניט קיין סך ווערט, ווען עס זאל ניט זיין די אנטשלאסנהייט אים דורכצופירן אין לעבן

עס איז נויטיק, אז עס זאל זיין דער גוטער ווילן אויסצופירן דעם באשלוס אין ממשות'דיקע מעשים.

עס איז נויטיק, אז סיי די טוער און סיי די לערער זאלן זיך באציען מיט דרך־ארץ צו דער אידישער שפראך, — א לערער וואס באצייכנט אידיש ווי "אין בעסטן פאל ניט מער ווי א גאסן־שפראך" איז ניט קיין געהעריקער געציי פאר אזא לימוד.

און א לערער וואס איז נאך איצט מיט דער מיינונג אז "אידיש איז ניטא וואס צו לערנען", ווייס ניט קיין אידיש און דארף קיין אידיש ניט לערנען.

און א באציאונג פון ביטול צו אידיש און א געפיל פון "בעל כרחך", פון איר בער־גוואלד, קאן פירן בלויז צו דעם, אז די "גלייכבארעכטיקונג פון אידיש" זאל האבן דעם זעלבן מזל וואס פריער דער אידישער קעגנשטאנד, — אז אידיש זאל געלערנט ווערן בלויז פון יוצא וועגן, אויף אפצונארן די עלטערן, און אז די קינדער זאלן פאר'סמ'ט ווערן מיט שנאה און ביטול צו דער שפראך, וועלכע דארף זיי שפעטער פארבינדן סיי מיט זייערע היימען, און סיי מיט'ן אידישן לעבן אומעטום.

* * *

דער ענין פון "גלייכבארעכטיקונג" איז פאר מיר אליין נאך ניט אינגאנצן קלאר.

די היגע פרץ־שול פרעטענדירט ניט אויף גלייכבארעכטיקונג פון די שפראכן. זי איז א אידישע שול, אין וועלכער העברייאיש ווערט אריינגענומען ווי א קעגנשטאנד פונ'ם דריטן לערן־יאר. ווי אין פאל פון אלע קעגנשטאנדן, שטרעבט די שול צו געבן די קינדער אן עלעמענטארע באקאנטשאפט מיט העברייאיש אין עלעמענטאר שול, מיט העכערע ידיעות אין מיטל־שול און אין די העכערע קורסן. די אונטערריכט שפראך אין שול איז אבער אידיש.

די פאלקס־שול פרעטענדירט שוין אויף א גלייכבארעכטיקונג פון ביידע שפראכן. איך זע אבער ניט איין די גלייכבארעכטיקונג, ווייל די אונטערריכט שפראך איז דאך דא אויך אידיש, — און העברייאיש ווערט דא אויך סוף־כל־סוף געלערנט ווי א קעגנשטאנד, זאל זיך זיין מיט א באזונדער. טראפ און מיט באזונדער ליבע־איינפלאנצעניש.

ווי זשע מיינט די תלמוד־תורה גלייכבארעכטיקן אידיש ?

דאס וועט פאר מיר זיין באזונדערס אינטערעסאנט צו לערנען.

* * *

ווי די מעשה איז, אבער די תלמוד תורה פירערשאפט, וועלכע האט מיט איר מוטיקן באשלוס דורכגעבראכן אן אייזערנע וואנט פון פאראורטיילן, האט איצט די געלעגנהייט צו ווערן די מוסטער תלמוד־תורה אויפ'ן קאנטינענט, — אויב זי וועט נאר ווייטער האבן דעם מוט און דעם גוטן ווילן דורכצופירן איר פראגראם אין לעבן.

זי איז ניט די איינציקע תלמוד תורה וואס האט אריינגענומען אידיש אין איר פראגראם. עס זיינען דא צענדליקער גרעסערע און קלענערע תלמוד־תורות אין לאנד וואס לערנען אידיש.

עס פעלט אבער אין די תלמוד־תורות געוויינלאך דער געפיל פון דרך־ארץ צו אידיש, און עס הערשט אין זיי א באציאונג פון ביטול צו דער פאלקס שפראך (איך רייד דא ניט וועגן איר ווי א נאציאנאלער שפראך, — דאס איז דאך א פראגע וואס ווערט נאך ארגומענטירט).

אין דער העכערער וויניפעגער קולטורעלער סביבה איז דא אבער דער באדן פאר א געזונטער באציאונג צו אידיש אין דער תלמוד תורה, — א באציאונג, וואס וועט, אין מיין מיינונג, א סך דערהויבן די חשיבות פון דער תלמוד־תורה אין די אויגן פון דער היגער באפעלקערונג.

לייענט היינט די ערשטע פארזעצונג פון אונזער נייעם ראמאן "ברודער מארד"